## קאַפּיטל אַכט

1 אין יענע טעג, ווען עס איז ווידער געווען אַ
גרויסע מאַסע מענטשן, און זיי האָבן נישט
געהאַט וואָס צו עסן, האָט ער גערופן צו זיך די
2 תלמידים, און זאָגט צו זיי: עס טוט מיר לייד אויף
דער מאַסע מענטשן, ווייל שוין דריי טעג זענען זיי
ביי מיר געבליבן, און האָבן נישט וואָס צו עסן;
3 און אויב איך זאָל זיי לאָזן גיין אַהיים פֿאַסטנדיק,
וועלן זיי פֿאַרשמאַכטן אונטערוועגנס; ווייל אַ טייל
4 זענען געקומען פֿון ווייט. און זיינע תלמידים
האָבן אים געענטפֿערט: פֿונוואַנען וועט מען דאָ
אין דער מדבר קענען זעטיקן די דאָזיקע מיט
5 ברויט? און ער האָט זיי געפֿרעגט: וויפֿל ברויטן
6 האָט איר? האָבן זיי געזאָגט: זיבן. און ער האָט
באַפֿוילן דעם המון מענטשן זיך אַנידערצוזעצן
אויף דער ערד; און האָט גענומען די זיבן ברויטן,
געמאַכט אַ ברכה, האָט זיי צעבראָכן, און געגעבן
צו זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן זיי אויסטיילן; און
זיי האָבן זיי צעטיילט (צווישן) דער מאַסע מענטשן.
7 און זיי האָבן געהאַט אייניקע קליינע פֿישלעך; און
ווען ער האָט געמאַכט אַ ברכה, האָט ער געהייסן
8 מען זאָל אויך די דאָזיקע צעטיילן. און זיי האָבן
געגעסן, און זענען זאַט געוואָרן; און האָבן אויפֿ־
געהויבן, פֿון די איבערגעבליבענע ברעקלעך,
9 זיבן קערב. און עס זענען געווען אַן ערך פֿיר
10 טויזנט; און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט. און גלייך
איז ער איינגעשטיגן אין דעם שיפֿל צוזאַמען מיט
זיינע תלמידים, און איז געקומען אין די געגנטן פֿון
דלמנותא.